דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

משפטים
כ"ז שבט תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:48 |
| מוצש"ק | 6:03 |
| ר"ת | 6:42 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:22 | סוז"ת א' 9:32 |
| סוזק"ש ב' 9:05 | סוז"ת ב' 10:01 |

גליון מס': קע"ג
שנה ד'

## טיב הפרשה

# כָּל יִשְׂרָאֵל עֲרֵבִים זֶה לָזֶה

### כִּי תִפְגַּע שׁוֹר אֹיִבְךָ אוֹ חֲמֹרוֹ תֹּעֶה הָשֵׁב תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ (כג, ד)

פון אט דער ציווי זעען מיר ווי ווייט די תורה שוינט פאר יעדן איינעם פון כלל ישראל, און זי זארגט פאר זיינע גשמיות'דיגע געברויכן, און זי באפעלט אויף דער וואס טרעפט עפעס וואס באלאנגט צו אים, אז ער זאל אויפזוכן דער בעל הבית דערפון כדי עס צוריקצוגעבן, און אפילו אויב דער וואס געפינט די אבידה וועט וויסן אז דער וואס האט עס פארלוירן איז איינער וואס האט אים פיינט, פונדעסטוועגן האט אים די תורה געהייסן אז ער זאל אים העלפן און אים צוריקגעבן דאס וואס עס פעלט אים און דאס וואס איז פארלוירן געווארן פון אים.

און פון דא זאלן מיר מאכן דער חֶשְׁבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אז אויב האט די תורה אזוי געשוינט אויף דער גשמיות'דיגער פארמעגן פון א מענטש, און זי האט באפוילן א ספעציעלער באפעל דערויף, איז עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אז די תורה הקדושה וויל אז מיר זאלן שוינען אויפן רוחניות'דיגער מהות פון א איד, און די תורה הקדושה וויל אז יעדער איינער זאל זיין אַן עָרֵב פאר די וואס זענען ארום אים, און אויב ער זעט א איד וואס בלאנדזשעט אין זיין לעבנס-וועג, און ער איז פארזינקען אין רוחניות'דיגע בלאטע און ליים, איז אוודאי א גרויסע מצוה אים צו העלפן, און אים ארויסנעמען פון זיין נידעריגע צושטאנד און אים ארויפברענגען אויפן ריכטיגן וועג.

ווען מען איז מעורר וועגן דער ענין פון קירוב רחוקים, זענען דא אסאך מענטשן וואס לויט זייער מיינונג איז דאס נישט געזאגט געווארן פאר זיי, ווייבאלד זיי האלטן אז זיי קענען זיך זייער גוט, און לויט זייער מיינונג איז נישט נאר וואס זיי זענען נישט פאסיג צו מקרב זיין אנדערע, נאר זיי האבן מורא אפילו פאר זיך אליין, ווייבאלד עס איז מעגליך אז אנשטאט אז זיי זאלן זיין די וואס זענען משפיע און מקרב, וועלן זיי נשפע ווערן און זיך איבערנעמען פון די דערווייטערטע אידן, און עס קען זיך חלילה 'איבערדרייען די יוצרות', און זיי וועלן חלילה אריבערגיין צו די אנדערע זייט. און אין אמת'ן אריין זענען זיי גערעכט, ווייל מען קען נישט בעטן פון יעדן איינעם אז ער זאל זיך דרייען איבער די גאסן און לערנען פארשטאנד מיט די וועלכע זענען ליידער דערווייטערט געווארן. זיי דארפן אבער יא וויסן, אז קירוב רחוקים מיינט נישט דווקא צו דערנענטערן איינער וואס געפינט זיך יעצט גאר ווייט און דערנידערט, וואס כדי אים צוריקצוברענגען דארף מען גיין צו א פארשטויסענער ארט כדי אים ארויסצוציען פון דארט, נאר צומאל קען מען מקיים זיין די מצוה מיט א בחור אדער קינד וואס שטייט נעבן אים, און צוליב א סיבה איז ער פארביטערט, און דורך איין גוט ווארט איז מען אים מְחַיֶּה זיין זעל, און עס געבט אים כח אויסצוהאלטן און דורצושוויגן מיין שווערע צייט.

ווייל צום באדויערן פעלט נישט היינט קיין יונגע בחורים וואס צוליב עפעס א שווערקייט וואס זיי האבן געהאט אין עפעס אן ענין, איז זייער הארץ שטארק צובראכן, און עס איז נישטא ווער עס זאל שטיין צו זייער זייט, און אמאל איז אפילו שווער דאס צו באמערקן אויף זייער געזיכט, און אויב וואלטן זיי זוכה געווען צו באקומען עטליכע טראפנס חיזוק אין די שווערע מינוטן, וואלט דאס זיי באלויכטן, און אפילו אויב אין די דיבורים וואלט נישט געווען קיין לעזונג פאר די שווערקייט מיט וואס ער טוט זיך פארמעסטן, פונדעסטוועגן האט עס בכח אים צו מחזק זיין און געבן כח אויסצוהאלטן דער שווערקייט ביז עס וועט דורכגיין.

נאר, ווייבאלד קיינער לייגט נישט אכט דערויף, דרייט זיך דער בחור מיט זיינע שווערקייטן, און צומאל איז ער בבחינת 'שאינו יודע לשאול', און

## טיב המערכת

# דער חיוב פון גיין מיט תמימות

ווען די רוסישע רעגירונג האט פראבירט אויסשפרייטן אירע נעגל אויף די וואלאזשינער ישיבה, באוואוסט אלץ 'די מאמע פון די ישיבות', און די מיניסטארן האבן געפאדערט אז די בחורים פון די ישיבה זאלן זיין געבילדעט אויך אין די 'חכמות חיצוניות' און 'השכלה'. א גרויסע אסיפה איז פארגעקומען, ביי וועלכע די ראשי הישיבה און רבי'ס פון די ישיבה האבן זיך צוזאמגענומען, כדי צו דן זיין וואס איז די יעצטיגע חובת השעה. אלע באטייליגטע [משתתפים] האבן קלאר געוואוסט אז אויב מען וועט אפזאגן די פאדערונג פון די רעגירונג, וועט דאס מיינען אז די ישיבה וועט פארשפארט ווערן אויף שלאס און ריגל, דעריבער זענען געווען אזעלכע וואס האבן געהאלטן אז מען זאל מאכן פשרות אינעם ענין, און מען זאל טיילווייז מסכים זיין צו די פאדערונגען פון די ממשלה, ווייל אויב מען וועט נישט טון אזוי, וועט די ישיבה אינגאנצן אפגעשלאסן ווערן און די תורה וועט פארגעסן ווערן פון אידן.

צווישן די פארזאמלטע איז אויך געווען הגה"ק רבי חיים בריסקער זצ"ל, וועלכער האט פעסט געפאדערט אז מען זאל זיך נישט אונטערגעבן צו די פאדערונג פון די רעגירונג, ווייבאלד אריינלייגן אזעלכע לערנונגען וועט צוברענגען צום אפגרונד, דעריבער זאל מען חלילה נישט צולייגן א האנט דערצו – אזוי האט רבי חיים גע'טענה'ט, ערקלערנדיג אז מיר דארפן איבערהויפט נישט מורא האבן אז די תורה וועט פארגעסן ווערן, ווייבאלד מיר האבן דאך א הבטחה אז די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן פון ללל ישראל, און השי"ת וועט שוין אוודאי צופירן אז די הבטחה זאל ווערן אויסגעפירט.

יי אנפירער פון די ישיבה האבן אנגענומען דעם פְּסַק פון רבי חיים, און זענען געצוואונגען געווארן צו פארמאכן די ישיבה, און האבן אויך קלאר זוכה געווען צו זען אז דער מסבב הסיבות אליין זארגט דערפאר אז די הבטחה זאל מקוים ווערן, ווייל דורכדעם וואס די ישיבה האט זיך פארמאכט, האבן זיך געעפנט ישיבות אין אסאך ערטער, און אפילו אין ליטא אליין האבן זיך געעפנט אנדערע ישיבות, און נישט נאר איז די תורה נישט פארגעסן געווארן, נאר פארקערט, אז דורכדעם איז נאך שטארקער פארמערט געווארן די תורה צווישן אידישע קינדער.

אט די מעשה קומט אונז לערנען עַל הַכְּלָל כֻּלּוֹ, ווייל אין יעדער איינצלהייט איז דער צצר אימשטאנד צו איינרעדן דעם מענטש אז ער זאל אויסוועלן אינעם שלעכטס בְּמִוּטוֹ, ערקלערנדיג אז אויב וועט ער נישט אויסוועלן אינעם שלעכטס, איז ער אימשטאנד צו דערלייגו זייער אסאך גוטס. עס איז אבער פארבאטן פארן מענטש זיך צו לאזן איינרעדן פון זיינע ווערטער, נאר מען זאל וויסן און געדענקען אז אויב מען וועט גיין בתמימות וועט אים השי"ת העלפן אז ער זאל נישט דערלייגן דאס גוטס, ווייל אזוי האט הקב"ה געזאגט אֵין אָדָם שׁוֹמֵעַ לִי וּמַפְסִיד.

אזוי זעען מיר אויך אין די פרשה פון די וואך, וואו עס שטייט אין פסוק 'וְכִי יָזִד אִישׁ עַל רֵעֵהוּ לְהָרְגוֹ בְעָרְמָה מֵעִם מִזְבְּחִי תִּקָּחֶנּוּ לָמוּת', און רש"י איז מפרש אז אויב ער איז געווען א כהן און ער האט געוואלט טון די עבודה, זאל מען אים נעמען אים צו הרג'נען, און ווי די מפרשי רש"י ערקלערן זיינע ווערטער לויט די ווערטער פון תוספות אין מסכת סנהדרין, אז דער דין איז אז אפילו אויב עס איז נישטא קיין שום אנדערער כהן וואס איז ראוי צו טון די עבודה, פונדעסטוועגן ווערט די עבודה אפגעשטופט און ער ווערט גע'הרג'ט. און פון דעם לערנט מען זיך ארויס אז מען זאל נישט מאכן קיין ששבונות, ווייבאלד דורך זיין שטארבן וועט צושטערט ווערן די עבודה אינעם בית המקדש, און דעריבער וואלט געווען בעסער אים צו לאזן לעבן, נאר, מיר זאלן טון דאס וואס עס ליגט אויף אונז, אז מען זאל אים הרג'נען, און השי"ת וועט שוין זארגן דערפאר אז זיין רצון זאל ערפילט ווערן אויף אן אופן וואס איז מותר.

(עפ"י טיב התורה – משפטים)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

ער ווייסט נישט וויאזוי ארויסצוגעבן זיינע שווערקייטן, און צומאל ווייסט ער יא, נאר ער ווייסט נישט צו וועמען זיך צו ווענדן, און תּוֹצְאוֹתֶיהָ מִי יְשׁוּרֶנָּה, קיינער קען נישט אפשאצן וואס עס קען ארויסקומען דערפון, ווייל דער בחור וואס איז נאר זייער ווייך, דרייט זיך ארום מיטן געפיל אז מען האט ארויפגעלייגט אויף אים א שווערע לאסט, און דאס איז וואס קען אים צוברעכן אז ער זאל צווייפלען חלילה וחס, און נאר נאכדעם וואס דער בחור קומט ארויס אין דער עפנטליכקייט אלץ איינער וואס האט חלילה אפגעלאזט דעם ריכטיגן וועג, וועקן זיך אויף זיינע ארומיגע און פראבירן אים איבערערדן אז ער זאל צוריקקומען צום גוטן וועג, ווען אין מערסטנס פעלער איז שוין דעמאלטס צי שעט, אבער אויב וואלט מען פריער געלייגט אן אויג אויפן בחור, און נאך איידער מען באמערקט עפעס א שווערקייט ביי אים וואלט מען אים געגעבן א ווארט פון חיזוק, וואלט מען געקענט טוישן זיין גאנג און זיין צוקונפט.

אט דער ענין איז עפעס וואס יעדער האט דער מעגליכקייט דערצו, און דערמיט איז מען מקיים די מצוה פון קירוב רחוקים בהידור רב, און דאס איז אסאך מער חשוב ווי דער וואס דרייט זיך אין פאררוקטע ערטער צו מקרב זיין די דערווייטערטע, ווייל כאטש מיר האבן א חיוב צו מקרב זיין פארבלאנדזשעטע נשמות וואו אימער זיי געפינען זיך, דארף מען אבער וויסן אז די וועלכע זענען שוין געווארן דערווייטערט, פעלט זיך אויס אסאך הארעוואניע און כוחות זיי צוריקצוברענגען, און אויך דעמאלטס איז מען נישט זיכער אז עס וועט אונז געלונגען דאס אויסצופירן.

אנדערש איז אבער א יונגער בחור, וואס ווילאנג 'ער שטייט נאך אויף די פיס', קען מען אים לייכט אונטערהאלטן, בלויז מיט עטליכע חיזוק ווערטער, און נישט מער פון דעם, און אט די ביסל ווערטער טוען אסאך אויף, וויבאלד עס געבט אים דער כח און שטארקייט צו שטייגן אין תורה און אין יראת שמים מיט מער כח און פעסטקייט, אזוי אז צומאל מיט עטליכע גוטע ווערטער טוט א מענטש ראטעווען גאנצע דורות, ווייל אמאל טוט ער מחזק זיין א יונגער בחור'ל, און מיטן כח פון זיינע ווערטער שטארקט זיך דער בחור אין עבודת השי"ת, און ווען ער ווערט ערוואקסן און שטעלט אויף זיין אייגענע משפחה, לערנט ער זיי אויס וויאזוי צו טון דער רצון פונעם אויבערשטן און ער ווייזט זיי דעם ריכטיגן וועג, און עס איז מעגליך אז אויב ער וואלט נישט געהערט די חיזוק ווערטער דעמאלטס ווען ער איז געווען א יונגער בחור'ל, וואלט ער חלילה אריינגעפאלן אין יאוש, און אפילו אין א בעסערע פאל וואס ער וואלט נישט אנגעקומען אזוי ווייט, וואלט ער געווארן פון די שׁוֹלֵי הַמַּחֲנֶה, און אויך אויפשטעלנדיג זיין שטוב וואלט ער נישט געפינען פאר וויכטיג זיי צו מחנך זיין אויפן וועג פון די הייליגע תורה – אזוי קומט אויס אז איניגע גוטע ווערטער טוען בויען גאנצע דורות, און דאס אלעס קען געטון ווערן אויך אן צו זיין א 'חכם' וואס מען רופט אן היינטיגע צייטן א 'פסיכאלאג', נאר א געווענליכער מענטש צווישן מענטשן.

דעריבער איז וויכטיג אז יעדער זאל זיך ריכטיג אפשאצן און איבערטראכטן צו זען וועלכע פעולה ער קען טון כדי צו שטארקן אזעלכע וואס פילן א שוואכקייט, ווייל אזוי ווי מיר האבן פריער ערקלערט, האט נישט יעדער די מעגליכקייט צו עוסק זיין אין אלע ענינים פון קירוב, פונדעסטוועגן האט אבער יעדער די כשרונות צו מקרב זיין, יעדער אויף זיין שטייגער, און אויך ווער עס קען נישט מקרב זיין די וועלכע זענען נעבעך אינגאנצן עוברי עבירות קען ער אבער מחזק זיין די וואס זענען ליידער דערווייטערט, מען דארף נאר האבן א רצון דערצו און מיט אן אפענע הארץ וועט ער קענען משפיע זיין, און ער וועט זוכה זיין א מזכה הרבים.

הרה"ג רבי זונדל קרויזער זצ"ל האט זיך אמאל ארויסגעלאזט למרחקים צו די שטאט 'לוגאנא', שווייץ, פאר א תקופה פון עטליכע יאר צו דינען דארט אלץ רב. האב איך אים געפרעגט, צוליב וואס האט ער אפגעלאזט זיין וואוין־ארט אין ירושלים עיר הקודש, וואס איז אן ארט וואס איז פול מיט חכמים וסופרים, וואו ער איז געווען געוואוינט אנצופילן די צייט על התורה ועל העבודה, און אנשטאט דעם האט ער ארויסגעוואנדערט צו א פרעמד ארט, וואס ער האט פריער נישט געקענט, און אויך די מענטשן דארט זענען נישט געווען אזוי שטארק אנגעבינדן אין תורה און מצוות. איך האב געמיינט מיט תמימות, אז מעגליך האט ער געדארפט האבן א געוויסע סומע געלט, און דעריבער איז ער געווען געצוואונגען צו טון אט דעם שווערן שריט.

צו מיין וואונדער האט ער מיר אבער געענטפערט, אז נישט אזוי איז געווען די מעשה. נאר וואס דען? איידער ער איז דארט געפארן, האט מען אים באשטעלט צו א געוויסע אסיפה, וואס דער ציל דערפון איז געווען צו מעורר זיין די פארזאמלטע צו טון פעולות פארן רוחניות פונעם צווייטן, און די וואס האבן אנגעפירט די אסיפה האבן גע'טענה'ט 'אַל תַּחְזִיק טוֹבָה לְעַצְמְךָ'! דעריבער איז ריכטיג אז די תלמידי חכמים וואס די דַּרְכֵי הָעֲבוֹדָה איז ליכטיג פאר זיי, און די וועגן פון די עבודה איז אנטפלעקט פאר זיי, וואס דורכדעם האט יעדער איד די מעגליכקייט צו דערהויבן ווערן און ווערן דבוק אינעם באשעפער – זאלן זיי באלייכטן פאר אנדערע וועלכע האבן ליידער נישט זוכה געווען דערצו.

רבי זונדל האט ווייטער ערקלערט, אז ער איז נתעורר געווארן פון זייערע ווערטער, און דעריבער ווען מיט עטליכע טעג שפעטער איז אנגעקומען די הצעה אז ער זאל גיין צו יענעם ווייסטן ארט, כדי צו פארשפרייטן דארט די ליכטיגקייט פון אידישקייט, האט ער עס אנגענומען און געגעבן זיין פאזיטיוון ענטפער.

פון אט די מעשה זעען מיר וואס עס מיינט צו זיין איבערגעגעבן פאר אנדערע, ווי א ריזיגער תלמיד חכם וואס זיין גאנצע מציאות איז געווען די הייליגע תורה, האט אין א טאג גענומען דעם שטעקן אין האנט, און האט ארויסגעוואנדערט צו א דערווייטערטע ארט כדי צו קענען משפיע זיין אויף אנדערע, אן צו מאכן קיין חשבון אז אט די זאכן וועלן אים שטערן פון לערנען, נאר ער האט געוואוסט אז ער איז אויך אַן ערב פאר זיינע ברידער אין חוץ לארץ, און דעריבער דארף ער טון אלעס וואס ער קען נאר, כדי זיי צו שטארקן אין די הייליגע תורה און אין אידישקייט.



# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
## געשריבן דורך לייענערס

### כַּתָּמָר יִפְרָח

אנקומענדיג אומגעפלאַנט צו די גאס וואו עס וואוינען מיינע עלטערן, האב איך באשלאסן זיך אריבערצוכאפן צו זיי אינדערהיים, כדי זיי צו פרעגן וויאזוי זיי פילן זיך. מיינע עלטערן זענען נישט געווען אינדערהיים, איך האב אבער דארט באגעגנט מיין ברודער, וועלכער איז אויך דארט געקומען באזוכן, אינאיינעם מיט זיין צוויי־יעריג מיידעלע.

דאס קליין מיידל האט געוויינט אן אויפהער, און וואס ער האט איר נאר פראבירט צו געבן, האט זי נישט געוואלט נעמען. ווען איך האב אים געפרעגט איבער וואס איז דער טומל, מעגליך פילט זי זיך נישט גוט? האט ער געענטפערט מיט קלעם, אז די מיידל האט געזען א טייטל אויפן טיש, און אלעס וואס זי וויל איז נאר דאס, אבער עס איז נישטא צו געפינען, און ער ווייסט נישט וואס צו טון. אזוי רעדנדיג, האב איך זיך דערמאנט אז בלויז מיט צוויי טעג פריער האב איך מיטגענומען טייטלען צו די ארבעט אבער איך האב עס נישט געגעסן. איך בין גלייך געלאפן צום אויטא און געברענגט די טייטלען, און ווי נאר די מיידעלע האט געזען די טייטלען האט זי עס געגעסן מיט גרויס פרייד.

האבן מיר אינאיינעם געזאגט: "די מעשה איז ממש צוגעפאסט פאר 'טיב ההשגחה'"!!!

האבן מיר עס טאקע אהערגעשיקט!

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.ש.]

♦ ♦ ♦

### א גוט געשעפט

געווענליך וועל איך נאכן דאווענען שחרית, עסן א גוטע 'פת שחרית' און זיך גלייך ארויסלאזן צו א גאר פארנומענער טאג, און דער קומענדיגער מאלצייט איז נאר שפעט אין אוונט. נאר אין יענעם טאג ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון בית המדרש, איז מיר אונטערגעקומען א גאר חשוב'ע מצוה. איך האב געהאט א דילעמע צי איך זאל עס טון אויפן חשבון פון מיין פרישטיג, אדער זאל איך ענדערש עסן און נישט ליידן א גאנצן טאג פון א דערקוטשנדער מאגן. למעשה האב איך מוותר געווען, און איך האב געטון די מצוה בהידור, און פון דארט בין איך גלייך געגאנגען צו א באגעגעניש וואס איז אויסגעפלאנט געווארן פון פריער.

ביי אונזער באגעגעניש, האט מיר אפגעווארט א געשמאקער איבערראשונג. דער איד איז געזעצן ביי א טיש אנגעגרייט מיט כל טוב, און מיר געבעטן אז איך זאל זיך צוזעצן מיט אים צום פרישטיג, וויבאלד ער האט נישט אנגעיאגט צו עסן פריער, און עס איז אים נישט אנגענעם צו עסן אליין. ווי פארשטענדליך, האב איך נישט אפגעזאגט זיין הארציגן פארשלאג [הצעה], און ביים סוף פונעם באגעגעניש, אויף א פולן מאגן, האבן מיר געשלאסן א גוטע געשעפט, צום פולן צופרידנהייט פוןביידע צדדים.

איך בין געבליבן ערשטוינט צו זען ווי ריכטיג עס זענען די ווערטער פון די הייליגע חז"ל אז פון א מצוה דערלייגט מען קיינמאל נישט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: נ.ה.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# שַׁבָּת קוֹדֶשׁ ב'

**"שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲשֶׂה מַעֲשֶׂיךָ, וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּת"** (כג, יב)

אין ספה"ק **עבודת ישראל** (סוף פון די פרשה פון די וואך) איז ער מפרש על דרך הרמז, וזה לשון קדשו (בקיצור): "יָדוּעַ כִּי אִי אֶפְשָׁר לְקַבֵּל הַקְּדֻשָּׁה בְּיוֹם שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, אִם לֹא עַל יְדֵי הַהֲכָנָה, שֶׁאָדָם עוֹשֶׂה כָּל שֵׁשֶׁת יְמֵי הַחוֹל. וְהִנֵּה הֲכָנַת הַקְּדֻשָּׁה לְעֵילָּא תָּלוּי בְּאִתְעֲרוּתָא דִּלְתַתָּא, בַּהֲכָנָה גַּשְׁמִית שֶׁאָנוּ מְכִינִים עַל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ".

"כֵּן הָעִנְיָן שֶׁאָנוּ רוֹאִים, שֶׁאִישׁ הֶעָשִׁיר אֲשֶׁר יֵשׁ לוֹ כֹּל, מֵכִין עַל שַׁבָּת בְּהַרְחָבָה, וּמַזְמִין עִמּוֹ לְאֵין נָכוֹן לוֹ. – כַּיּוֹצֵא בָּזֶה הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל, הַמֵּכִין אֶת עַצְמוֹ בִּקְדֻשָּׁתוֹ כָּל יְמוֹת הַשָּׁבוּעַ עַל כְּבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, מַזְמִין עִמּוֹ הַנִּלְוִים אֵלָיו וְהַפְּחוּתִים מִמֶּנּוּ, אֲשֶׁר אֵין לְאֵל יָדָם לְהָכִין הֲכָנָה כָּרָאוּי. עִם כָּל זֶה הֵם נִכְלָלִים עִם קְדֻשַּׁת הַצַּדִּיק, לְהִתְפַּלֵּל עִמּוֹ לִכְבוֹד שַׁבָּת, וְלִשְׂמוֹחַ וּלְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּג חֵי עָלְמִים".

"וְזֶה נִרְמָז בְּפָסוּק **'שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲשֶׂה מַעֲשֶׂיךָ'**, דְּהַיְינוּ הֲכָנָה לִקְדֻשָּׁה, כְּדֵי שֶׁיָּבוֹא יוֹם הַשְּׁבִיעִי **'תִּשְׁבֹּת'**, וְתוּכַל לְקַבֵּל הַקְּדֻשָּׁה, וְתַעֲשֶׂה הֲכָנָה גְּדוֹלָה".

"וְזֶה הַצִּוּוּי הוּא עַל כָּל אָדָם, שֶׁיִּתְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ. וּכְמוֹ שֶׁאָמַרְנוּ פֵּרוּשׁ הַגְּמָרָא (שבת קיח.) **'עֲשֵׂה שַׁבַּתְּךָ חוֹל'**, כְּלוֹמַר הָכֵן אֶת עַצְמְךָ בְּחוֹל לִכְבוֹד שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, וְאָז **'אַל תִּצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת'**, כְּלוֹמַר שֶׁלֹּא תִּצְטָרֵךְ לִישׁוּעַת מִי שֶׁגָּדוֹל מִמְּךָ, שֶׁהוּא יַזְמִין אוֹתְךָ, אֶלָּא תִּהְיֶה מוּכָן בְּעַצְמְךָ אֶל קַבָּלַת הַקְּדֻשָּׁה".

***

איינער פון די חֲשׁוּבֵי אַנְשֵׁי יְרוּשָׁלַיִם שֶׁל מַעְלָה, איז געווען **הרה"צ רבי יצחק דוד גוטפארב זצ"ל**, וועלכער איז געווען יִרְאָתוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ, און איז געווען א מְדַקְדֵּק בְּקַלָּה כְּבַחֲמוּרָה.

ווען ער פלעגט מאכן א ברכה, פלעגן אלע זיינע גלידער טרייסלען און ציטערן, נישט קיין חילוק וועלכע ברכה אאס איז געווען, וויבאלד ער איז דאך צוגעגאנגען צו דערמאנען דער גרויסער און פארכטיגער נאמען פון השם יתברך!

עס האבן מיר דערציילט זיינע חשוב'ע קינדער שליט"א, אז עס איז קיינמאל נישט געשען ביי אים אז ער האט געהאט א ספק צי ער האט געמאכט א געוויסע ברכה אדער נישט, אזוי ווי עס טרעפט זיך ביי אסאך מענטשן, וויבאלד יעדע ברכה האט ער געמאכט מיט א הויכן קול, און מיט זיין גאנצן כח און פולע כוונה.

צומאל ווען ער איז געווען מיד אום ליל שבת קודש נאך די סעודה, זייענדיג אויסגעמוטשעט פון די עבודת היום, וויבאלד ער פלעגט זיך אסאך גרייטן צום הייליגן שבת המלכה, מיט הכנת הגוף און הכנת הנפש, האט ער מורא געהאט צוליב זיין גרויס צידקות טאמער ער וועט אביסל דרימלען אינמיטן **'ברכת המזון'**, און עס קען פעלן עטליכע ווערטער אינמיטן בענטשן. – דעריבער האט ער ספעציעל מחמיר געווען און זיך איינגעפירט א מנהג טוב, אז ווען ער האט געענדיגט עסן די סעודה אום פרייטיג צונאכטס, איז ער געגאנגען צום הויז פון **הגה"צ רבי דוד שובאַקס זצ"ל** [א באוואוסטער צדיק אינעם מאה שערים געגנט], וועלכער האט געוואוינט נישט ווייט פון זיין הויז, און דארט האט ער געבענטשט 'ברכת המזון', און דער צדיק רבי דוד האט אכטונג געגעבן אז ער זאל נישט פארפעלן אפילו איין ווארט, און אזוי איז רבי יצחק דוד געווען רואיג אז ער האט מקיים געווען די מצוה אזוי ווי עס דארף צו זיין און האט נישט פארפעלט קיין ווערטער ביים בענטשן... [ווי פארשטענדליך, האט רבי יצחק דוד אינזינען געהאט ביי נטילת ידים אז ער וועט דארט ענדיגן די סעודה, אזוי ווי די הלכה איז].

איינמאל האט איינער פון זיינע באקאנטע אים געקויפט אַן **'עליה לתורה'**, האט זיך רבי יצחק דוד זייער שטארק געפריידט מיט די עליה, און נאכן אראפגיין פונעם בימה איז ער צוגעגאנגען צו זיין חבר וועלכער האט עס אים געקויפט, און אים באדאנקט מיט א ווארימע **"יישר כח"** מיטן גאנצן הארץ, ערקלערנדיג פארוואס ער איז אזוי רריייליך מיט די עליה: וויסן זאלסטו, אז היינט אינדערפרי איז נתעורר געווארן ביי מיר א ספק אין הארץ, און איך בין נישט זיכער אויב איך האב געזאגט **'ברכת התורה'** אזוי ווי עס דארף צו זיין, און איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון... אבער יעצט ווען איך האב געזאגט ברכת התורה ביי די עליה וואס דו האסט מיר געקויפט, האב איך אינזינען געהאט דערביי אזוי ווי עס דארף צו זיין, כדי ארויסצוגיין פון אלע ספיקות!

***

עס האט מיר דערציילט **אבי מורי הגה"צ רבי לוי זצ"ל כב"מ**, בעל **מעדני השולחן**, אויף דער הייליגער **בריסקער רב**, מרן **הגרי"ז זצוק"ל**, וועלכער האט זייער מקפיד געווען מקיים צו זיין דער דין פון זאגן **'מאה ברכות'** יעדן טאג, אזוי ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין **שולחן ערוך** (או"ח סי' מ"ו ס"ג), און ער פלעגט שטענדיג נאכקוקן און ציילן די ברכות וואס ער האט געמאכט, כדי צו וויסן אויב ער האט מקיים געווען די הלכה אזוי ווי עס דארף צו זיין.

יינמאל ווען ער איז אהיימגעקומען אום שבת קודש נאכמיטאג, האט ער אים געזען ווי ער זיצט באימה וביראה און ער רעכנט איס דער סדר פון די ברכות וואס ער האט געמאכט פון אינדערפרי ביז דעמאלטס. – אזוי ווי עס איז אאוואוסט אז אום שבת קודש פעלן **דרייצן ברכות** אנצוקומען צום צאל פון הונדערט, און מען דארף עס משלים זיין דורכן עסן פירות און זיסווארג וכדומה, (זע משנה ררורה דארט ס"ק יד). – און דעריבער האט דער הייליגער רב אויסגערעכנט פונקטליך וויפיל ברכות ער האט שוין געמאכט ביז יעצט, און וויפיל עס פעלט אים נאך צו מאכן, און אזוי איז ער געזעצן בחרדת קודש און זיך מסדר געווען וויאזוי עס משלים צו זיין!

**אזוי איז מען מקיים א דין אין שולחן ערוך!**

***

**דער הייליגער "ייטב לב", כ"ק אדמו"ר הגה"ק רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים זצוק"ל**, האט געהאט א גרויסע ישיבה אין די עיר הגדולה לאלקים **'סיגעט'**, וואו עס האבן געלערנט הונדערטער בחורים יראים ושלמים, פון די שענסטע און דאס בעסטע פונעם יהדות החרדית אין אונגארין של מעלה פון יענער צייטן.

מיט זיין גרויס צידקות האט דער הייליגער צדיק מיט זיין רריייטע הארץ, זיך אויך געזארגט פאר אייניגע שוואכערע בחורים, וואס זענען ליידער אויסגעשפיגן געווארן פון דעם היכל הישיבה, יעדער איינער צוליב זיין אייגענע סיבה, און זענען ליידער אביסל אוועקגעגאנגען פונעם דרך התורה והיראה (וואס מען רופט היינט 'נושרים'). אאר אט די בחורים האט ער אויפגעשטעלט א ספעציעלע ישיבה מיט אן אייגנארטיגער פראגראם וואס האט צוגעפאסט פאר אט די שטרויכלנדע בחורים. [זע ספר **'טיב הקהילה – תשע"ד'** אין די וואכעדיגע פרשה, א וואונדערליכע מעשה איבער איינער פון אט די בחורים וואס ער האט אפגעטון אין די גאסן פון סיגעט].

וון דער רבי האט זיך באמיט זיי צוריקצוברענגען בתשובה שלימה דורך פארשידענע וועגן, און זיי צו דערנענטערן לאבינו שבשמים. – דאס איז געווען איינס פון די עבודות קשות שבמקדש, וואס דער צדיק האט אונטערגענומען אויף זיינע פלייצעס, אויסער זיינע אלע אנדערע טירחות און פלאגענישן, מיטן פירן זיין הייליגע קהילה און דאס לערנען אין די הייליגע ישיבה.

ביי איינס פון זיינע נסיעות צו **הרה"ק רבי יצחק אייזיק'ל יידיטשויבער זצוק"ל**, האט ער מזכיר געווען אט די בחורים פאר א ברכה און ישועה, און ער האט צוגעגעבן אז רר הארעוועט זייער שווער זיי צוריקצוברענגען צום ריכטיגן וועג, און נישט אלעמאל פילט ער אז ער טוט עפעס וויף... און ער האט געבעטן אז ער זאל זוכה זיין זיי צוריקצוברענגען בתשובה שלמה.

ווען דער הייליגער זידיטשויבער האט געליינט דעם קוויטל וועגן זיי, האט ער געבעטן פונעם ייטב לב, אז די קומענדיגע מאל וואס ער וועט קומען אויף א 'נסיעה' פאר שבת קודש קיין זידיטשויב, זאל ער מיטברענגען מיט זיך די גרופע בחורים, אז זיי זאלן זיך אויפהאלטן בְּצֵל הַקֹּדֶשׁ פאר שבת קודש. און דער עיקר האט ער אים געבעטן אז ביי **תפילת שחרית אום שבת קודש**, זאל ער וועקשטעלן נאנט נעבן אים! – אזוי האט דער צדיק געזאגט, און ער האט נישט ערקלערט זיינע רייד, פארוואס ער בעט דאס...

דער הייליגער ייטב לב האט אנגענומען דעם באפעל פון יין הייליגן רבי'ן, און ער האט זיך גלייך גענומען אנגרייטן פאר א ספעציעלע **'נסיעה'** פאר אט די ספעציעלע בחורים, און איז געפארן מיט זיי צוזאמען קיין זידיטשויב.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו דער הייליגער צדיק קיין יידיטשויב, האט ער זיי אויפגענומען זייער שיין, און דורכאויס דעם גאנצן שבת האט ער זיי מקרב געווען זייער ספעציעל. – דער הייליגער ייטב לב האט גוט געדענקט וואס זיין רבי האט אים אנגעזאגט וועגן **תפילת שחרית פון שבת קודש אינדערפרי**, און ער האט זיכער געמאכט זז די בחורים זאלן אויפשטיין פרי שבת קודש אינדערפרי, און געזען דערצו אז קיינער פון זיי זאל נישט פעלן ביים דאווענען, וואו די גבאים האבן מסדר געווען פאר זיי ספעציעלע פלעצער, נאנט נעבן דעם פלאץ וואו דער הייליגער צדיק איז געשטאנען ביים דאווענען.

ווען דער רבי ר' אייזיק'ל איז אנגעקומען צו די ברכה וון יוצר, ביים פזמון "הכל יודוך", האט ער זיך פלוצלונג אויסגעדרייט צו די בחורים, און ער האט זיך גענומען זינגען מיט א פלאם-פייערדיגע שטימע, בקול חוצב להבות אש: "**הַכֹּל** יוֹדוּךָ, **וְהַכֹּל** יְשַׁבְּחוּךָ, **וְהַכֹּל** יֹאמְרוּ אֵין קָדוֹשׁ כַּה'"! און אזוי זינגענדיג די ווערטער מיט א זיסע און הארציגע שטימע, [דרוקנדיג באזונדער אויף די ווארט **'הַכֹּל'**], האט ער געקוקט מיט זיינע הייליגע און ייערדיגע אויגן אויף די בחורים, און אזוי האט ער אריבערגעפירט זיין הייליגן בליק איבער זיי עטליכע מאל.

און צום גרויסן וואונדער, איז גלייך נאך יענעם שבת, איז די גאנצע גרופע צוריקגעקומען אלץ פולשטענדיגע בעלי תשובה, און זיי האבן דערציילט אז ווען דער צדיק האט עזינגען דער ניגון פאר זיי, אז זייער הארץ איבערגעדרייט געווארן אין זיי, און זיי זענען פארוואנדלט געווארן צו א בְּרִיָּה חֲדָשָׁה.

יז א קורצע צייט, איז די גאנצע גרופע אריבערגעגאנגען לערנען אינעם גרויסן און צענטראלע ישיבה פונעם הייליגן רבי'ן אין סיגעט, און זיי זענען געווארן גערעכנט צווישן די בעלי המדריגה וואס זענען געזעצן גאר נאנט וום הייליגן ייטב לב, און מערסטנס פון זיי זענען אויסגעשטיגן אלץ חשוב'ע רבנים און מורי הוראה אין כלל ישראל.

**דאס לערנט אונז דער געוואלדיגער כח פון צדיקים, צוריקצוברענגען אידישע הערצער בתשובה שלימה, וון אונז צו לערנען די געוואלדיגע סגולה פון די תפילה פון "הכל יודוך", וואס ווען עס ווערט געזאגט מיט**

**גוטע כוונה, איז מעגליך זוכה צו זיין דורך איר צו תשובה שלמה.**

***

עס האט מיר דערציילט א איד, וועלכער איז געקומען בעטן עצות און הדרכה אין די ענינים פון **'שלום בית'**, נאכדעם וואס עס זענען געשאפן געווארן פארשידענע מחלוקת'ן צווישן אים און זיין ווייב, בעיקר וועגן זייער ארבעט און די ביזנעס-געשעפט וואס זיי האבן געפירט צוזאמען. - האט מיר דער איד דערציילט, אז עס איז דא איין טאג אין וואך וואס עס הערשט שטילקייט און מנוחה אין הויז, דאס איז אינעם טאג פון שבת קודש, שבת מנוחה.

וון ער האט געגעבן צו פארשטיין, אז עס איז שוין עטלי־כע יאר וואס זיי האבן מקבל געווען אויף זיך, אז אום שבת קודש וועלן זיי גארנישט רעדן, אפילו איין ווארט, וועגן די ביזנעס און וועגן די געשעפט! כאילו זיי וואלטן נישט געהאט קיין שום ארבעט און קיין שום געשעפט! - כדי קקיים צו זיין דער רצון השי"ת, וואס ער האט אונז בא־פוילן (ישעיה נח, יג): "אִם תָּשִׁיב מִשַּׁבָּת רַגְלֶךָ עֲשׂוֹת חֲפָצֶךָ בְּיוֹם קָדְשִׁי וגו', וְכִבַּדְתּוֹ מֵעֲשׂוֹת דְּרָכֶיךָ, מִמְּצוֹא חֶפְצְךָ וְדַבֵּר דָּבָר", און די גמרא דרש'נט (שבת קיג.): שֶׁלֹּא יְהֵא דִּבּוּרְךָ שֶׁל שַׁבָּת כְּדִבּוּרְךָ שֶׁל חוֹל!

**און אין זכות פון אט די קבלה טובה, זענען זיי זוכה וויניגסטנס אינעם טאג פון שבת קודש, צו א טאג פון מְנוּחָה וְשַׁלְוָה וְהַשְׁקֵט וָבֶטַח, מְנוּחָה שְׁלֵמָה שֶׁאַתָּה רוֹצֶה בָּהּ, צו מאכן נַחַת רוּחַ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ!**

***

יין די ערשטע יארן נאך די שרעק־ייכע וועלט מלחמה, ווען די גערא־עוועטע אידן האבן זיך צוזאמגע־נומען, אֶחָד מֵעִיר וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה, איז געווען זייער שווער צו טרעפן 'חסיד'ישע אידן' מיטן גאנצן לבוש, אזוי ווי עס דארף צו זיין.

ווען דער הייליגער **סאטמארער רב, הגה"ק בעל 'ויואל משה' זצוק"ל** איז געקומען קיין **'ניו יארק'**, האבן זיך דארט קוים געפינען עטליכע חסידים יראים ושלמים.

ווען עס איז געקומען שבת קודש, און דער הייליגער רבי האט אנגעטון דעם **שטריימל** אויפן קאפ, האט אים זיין געטרייער גבאי **מוהר"ר יוסף ששכנזי זצ"ל** געזאגט, אז דא אין אמ־רריקע איז דאס נאכנישט איינגעפי־רט אז מען זאל ארויסגיין אום שבת מיט א 'שטריימל', און ער האט מורא טאמער מען וועט אפלאכן פון זיי...

ער רבי האט אים אבער נישט אויס־געהערט, ווי פארשטענדליך, און ער איז ארויסגעגאנגען צום בית המדרש זייענדיג אנגעטון מיטן שטריימל און מיט אלע בגדי שבת בשלימות!

זזוי גייענדיג אויפן וועג, זענען מענ־

ששן געקומען פון אלע זייטן זיי אנצוקוקן, און האבן אפגע־לאכט פונעם שטריימל. האט דער גבאי רבי יאסל געזאגט צום רבי'ן, אז ווי עס זעט אויס זענען זיינע זארגן געווען ריכטיג, ווייל יעדער לייכט פונעם שטריימל...

יישט אזוי! האט אים דער רבי שטיל־געמאכט. טיף אינע־ווייניג אין הארץ לאכן זיי נישט פון מיר און פון מיינע מל־בושים, נאר פון דיר! וויבאלד דו גייסט אן א שטריימל...

די קומענדיגע שבת איז שוין רבי יאסל אויך געקומען מיט א שטריימל...

***

אויף ווי ווייט דארפן די עלטערן אכטונג געבן מיט זייערע ווערטער און רעאקציעס, וואס ווערן זייער שטארק אויפ־געכאפט אין די איידעלע הערצער און זעלן פון די קינדער.

קענען מיר ארויסלערנען פון די פאלגנדע שיינע דער־ציילונג, וואס איז פארגעקומען אין א קינדערגארטן כיתה [קלאס] פון יונגע אידישע מיידלעך.

ווי דער שיינער שטייגער וואס איז איינגעפירט ביי די אידישע קינדערגארטנס און יונגע כיתות, אז יעדן וואך אום ערב שבת קודש, וועלט מען אויס א **'שבת מאמע'**, וועלכע גייט אנגעטון מיט שבת'דיגע קליידער, און מען גרייט אן פאר איר א **שבת טיש** מיט ליכט, און די מיידעלע גייט צו און צינדט אן די ליכט אזוי ווי א גרויסע מאמע, און זי טיילט אויס גוטע זאכן פאר אירע חבר'טעס, און דאס ווט מען כדי מחנך צו זיין די יונגע קינדער צו דער ליכטי־גקייט פון שבת קודש.

איין וואך, ווען די 'שבת מאמע' איז צוגעגאנגען אזוי ווי א קליינע 'מאמע', שיין אנגעטון מיט שבת'דיגע קליידער אנצוצינדן די שבת ליכט, איז איידער זי האט אנגעצינדן די ליכט, האט זי געלייגט איר האנט אויף איר שטערן, און ייט גרויס ערנסטקייט האט זי טיף געקרעכצט, און געזא־גט: **'אוי, ווי שווער האב איך געארבעט היינט'**..., און זי איז גלייך צוגעגאנגען צו די ליכט...

מען האט שפעטער אויסגעפינען, אז אזוי האט די מיידל עזען איר מאמע פאר שבת קודש, אז איידער זי האט אנ־געצינדן די ליכט האט זי זיך צוקרעכצט איבער איר שווע־רע ארבעט מיטן צוגרייטן דעם שבת... און אט, האט זיך די מיידעלע דאס גוט אויסגעלערנט! און זי האט געמיינט מיט איר תמימות, אז אזוי קוקט אויס דער סדר פון צינדן די שבת ליכט!




יין איינס פון די פארשנייטע שב־תות אין עיה"ק **ירושלים ת"ו**, האט די גרויסע שניי צוריסן אסאך פון די שטריקן פונעם עירוב, און אין אסאך געגנטער האט מען נישט געקענט טראגן אין יענעם שבת.

יין א געוויסער געגנט איז אנגעקו־מען די שמועה, אז ממש איידער עס איז געווארן שבת קודש, האט מען אריינגעכאפט צו פאררעכטן אלע שאדנס, און עס איז יא פארהאנען אן עירוב!

האט איינער פון די אנוועזנדע זיך אנגערופן מיט גרויס פרייד: **ברוך ה', מיר האבן אן עירוב, און מען קען טראגן'!** נאנט נעבן אים איז געשטאנען א חשוב'ער תלמיד חכם, וואס ווען ער האט באמערקט אז די קינדער פון דעם איד שטייען נעבן אים און הערן אויס זיינע ווערטער, אאט ער אים שטילערהייט אויפגע־מערקט, אז דאס וואס ער האט יעצט געזאגט, איז נישט אזוי גוט פאר דער חינוך פון זיינע קינדער, וויבאלד זיי קענען פארשטיין דערפון כאילו מיר האבן א 'פראבלעם' פון 'טראגן אום שבת', און אט האט מען געטראפן א לעזונג וויאזוי זיך אן עצה צו געבן דערמיט...

**מיר דארפן ווייזן פאר די קינדער, די שמחה און געשמאק דערמיט וואס מיר זענען זוכה מקיים צו זיין די מצוות פון די הייליגע תורה באהבה וביראה, אזוי ווי עס דארף צו זיין!**


די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!


[redacted]